# Translation

## My Childhood Years
## *Mayne kinderyorn*

by Peretz Hirshbein

Introduction & translation by Nahma Sandrow

### "Making the Mill Kosher"

When a warm wind begins to blow from the southwest, and a little warm shower takes the place of snow; when the ice on the pond begins to split and the heap of snow against the window shrinks and turns black – then we all feel that around the mill, winter is letting go. Around Purim time, the sun seems to shine more brightly in the daytime, warming the ice on the water wheels. The people inside the house sense the joy of the water under the ice and understand the secret of every single mysterious crack sounding from the river at night. Spring is near.

This is the time when Jews come down from the nearby town to talk things over with Lipe the Miller about koshering the mill for Passover. They bring along all sorts of wheat samples to show. The men sit around the table with serious faces. Carefully, they unwind the Passover wheat from linen wrappings and shawls. My father puts his glasses on and wrinkles his forehead earnestly. Step by step, the children come closer to the table. And the simple kernels of wheat, which looked just like every other grain of wheat grown at any other time of year, now look strange: Jewish kernels of wheat – thoughtful, somehow.



At the table, my mother hands the men a thimble to measure out the grain. They spill the grains onto the table and examine each kernel separately. They put aside any kernel with rootlets at its tip or any other sign that it has sprouted. Sprouted kernels make you suspect that it's *chometz,* unfit for Passover. The crop was probably rained on; the rain affected the kernels, and fermentation grabbed them. That's what sprouting shows.

So they count out a thimbleful of kernels, and if too many grains have sprouted, that wheat is *chometzdik*. That's how they measure out and count out all the samples until they choose the very purest and the very driest kernels. In the process, people show they're experts by, for example, biting a kernel of wheat in two to see how white it is inside.

After the men decide which wheat to buy, they start discussing the koshering of the mill. They talk about how many poods of grain need to be sifted this year. Once they come to terms on a price for the sifting, finally the men drink a toast. They wish us no lack of water before Passover, and we wish for them that this year Jews can bake matzohs with a generous hand. And Father and the men shake hands on it.

Once the people are gone, the ice cracks and splits even harder; the heap of snow in front of the house shrinks even more.

And sure enough, soon afterward, peasant wagons loaded with sacks of wheat arrive at Lipe's mill. The sacks are thoroughly covered, even though the sun is shining outside. They don't carry the sacks of wheat into the mill – the mill is still *chometzdik;* they carry them into the house. Every one of us is strong. Even the littlest children help hoist the sacks; they support the sacks from underneath while the grown-ups haul them on their shoulders into the clean house.

They lay the sacks in rows in the second room of the house. On the way into the house, one sack suddenly splits: wheat pours out onto the ground – right into the mud. *Chometzdik!* though the golden grains beckon to us from the black mud as if they're begging, "Gather us up; don't let us be impure."

Then it's time to start making the mill kosher. Now, there's a job for you! Though the mill has to be made kosher every year, still, when it actually comes time to do the work, nobody seems to have the faintest notion where to begin. Just think of it. Go clean up a mill – clean out every tiny fleck of flour till there's no sign left of impurity. How much flour dust does a mill shake out in the course of a year? In the hoppers where the silken bags sift flour, the walls are hung with a curtain of flour flakes. Wherever there is a little hole, a little crack, flour crept in there in the course of the year, and now it's impure. From the threshold of the mill to the tip of the attic – everything is floury.

Armed with knives, with goose-wing feather dusters, in torn clothes and old rags, into the mill goes the crowd. All of a sudden, everybody at Lipe the Miller's has started to hate flour dust; all of a sudden we distrust every kernel that has crept its way into a crevice. The first swipe with the feather duster, the first scrape with the knife – and a little bit of a board is clean. Fragrant wood gleams. We scrape and scrape. The millers themselves are covered in flour – not nice, even for a miller. But the mill itself keeps getting cleaner and cleaner.

The great clean-up affects not only people, grown-ups and children. Our yellow dog, Burtshik, is amazed, too. He can't understand why we're scraping and scraping so hard in the mill. He goes around smelling and licking and sneezing. He wants a piece of the whole event too. He sees how the people are more floury than usual, and he wants to

imitate the people. He bares his teeth, grins, and – Plop! – right into the scraped-up mountain of *chometz.*

Our black cat envies Burtshik. Though she's more cautious than the dog, all the same she comes down to the mill, looks up at the people at work, sniffs around in every corner where they're scraping and cleaning, and starts to sneeze. She does not understand what is happening to the millers in their mill.

Here comes Aryeh the Tailor, who sews crude coats for the peasants all year long. Every spring, before Passover, as soon as we kosher the mill, he comes to do a delicate job. He has to sew the silken bags for sifting the Passover flour. We buy silk that is so transparent, white, and fine, if you double it over and hold it to the light, shimmering circles ripple through it.

The usual work of trimming the millstones, turning the top one over grinding-side-up – they do that now with a special, religious intensity. Using pointy steel hammers and flat hammers, they cut ridges into the stones; they peck little holes out of the stones and make the stones sharp so they'll be really eager to grind the Passover flour.

For three days and three nights, the whole mill family is submerged in *chometz* because we're koshering the mill. Till we begin to sight an end to the job. Then we start cleaning the house, tidying up the house, because the young rabbi of the town is supposed to come and say the word: "Kosher."

My father gets the wagon ready. He repairs its ladder-sides, lays down fresh straw on the floor, and creates a soft place to sit. My mother spreads a clean sheet over that straw seat. As soon as the white horse is harnessed, my father, looking serious and thoughtful, drives off to bring the rabbi.

In the house we feel the holiday spirit. We sprinkle yellow sand over the floor. We even move the table from its usual place. We smooth down the curtains at the windows.

Everybody's eyes keep turning to the window. People keep going into the mill to take another quick look, check here and there, take one more swipe here, one more scrape there, or blow away the dust that is settling back onto the walls.

And here it comes, the wagon with the rabbi. Everyone jumps up, eyes fixed on the window. The dog, the cat – they look at the window too. The wagon is at the house. My father jumps down and helps the rabbi descend. The rabbi is still a *dayen,* an assistant rabbi, for now, because our old blind rabbi is still alive. Of course, we can't bring him, the blind rabbi, to examine whether the mill is kosher.

The young rabbi is a tall, stringy fellow with a sparse black beard and long, heavy peyess. He has black eyes and a pale face. The rabbi stands beside the wagon for a while and observes the mill-world all around. Stepping carefully, he strides right over the permanent pool of mud in front of the threshold and enters the house. We all stay standing. We all look at him very respectfully. He takes off his long black overcoat and stands before us in his shiny black satin coat.

We wonder, "How will the rabbi, in a black satin coat like that, creep into the mill, crawl all the way into the hopper?" He must know that he's going to kosher a mill. He ought to understand that you can't possibly dust all the flour out of a mill.

A clean, scoured knife with a sharp point is waiting, all prepared for him, and we hand him a brand new, never-used feather duster – the entire wing of a goose. We light a candle for him, and with dignified steps, he sets off into the mill.

The first thing he picks to do is crawl right inside the big hopper where the big bag is going to sift the flour. A tall hopper on four strong legs – a whole house! He's going to have to climb up into it. All the men help. They boost him from underneath: first one leg, then they pass his other leg over to him, and little by

**Peretz Hirshbein, a major figure in modern Yiddish literature, is remembered for his many plays and the creation of the first Yiddish art theater; for travel sketches (an unusual genre in Yiddish); and for stories and novels. Born in 1880 in his father's flour mill near a tiny Lithuanian village, he traveled all over the world, working as laborer, lecturer, journalist, and theatrical director, until he settled at last in California, where he died in 1948. This memoir takes him from happy childhood days, playing barefoot on the riverbank, to Talmud study in several towns; when it ends, he is eighteen and living in Vilna and has just published his first poem.**

**The period covered in the memoir (1880–1898) brought ferment and change for Eastern European Jews. Hirshbein's personal experience was typical: expansion outward from a narrow and intimate sphere to a growing consciousness of – and longing for – the larger world. The memoir begins with a pious family in preindustrial Eastern Europe, in a village so rural that in one episode an uncle gets his first look at a railroad train. As a hungry, lonely yeshiva boy, living among the poor in a series of towns and cities, he discovered secular literature – a friend hid a Russian grammar under his Talmud – but still found exaltation in Jewish learning. By the end, the young man is tutoring sophisticated young ladies in rich Jewish families and learning from them about Goethe and Marx. Only a few years after the memoir's close, Hirshbein, with the blessings of Bialik and I.L. Peretz, organized and directed the first Yiddish art theater. With that endeavor he helped the Yiddish intelligentsia participate in a major movement in modern Western drama.**

**The recurrent themes and images of**

all Hirshbein's subsequent writings are foreshadowed in the memoir. His symbolist dramas, for which critics called him the "Jewish Maeterlinck," developed from his and his mother's shared delight in nature, as well as their mystical, even superstitious, communion with it. (One play in this style, *Tsvishn tog un nakht,* was translated in 2005 by Mark Altman and Ellen Perecman for performance by their New Worlds Theatre Project, under the title *Twilight*.) The memoir shows Hirshbein as a yeshiva student living on "eating days" and then in a room in Vilna, experiencing poverty to the point of actual starvation, and the work that eventually came out of that experience won him the nickname of "Cellar Poet."

Hirshbein's most popular works, his rural plays about Jews in the countryside, have particularly clear autobiographical elements; one is even about a miller. The most beloved of all is the charming *Grine Felder (Green Fields)*, which is still performed onstage and often seen in a film version. Its themes reflect the questions he returned to most often as a child: the divine meaning of nature's beauties, and the value of labor versus Torah study. "Making the Mill Kosher" is particularly rich in material that will surface in *Grine Felder*: the rabbi's youthful shyness and goodwill and the family's piety and humility, as well as the competence and energy of their labors. And of course the chapter is crafted like a suspenseful little drama of its own.

This section comes early in the memoir: simple language, simple story, simple world, seen through the eyes of a child for whom grown-ups, animals, and even millstones are dramatic and mysterious. The reader gets a sense of the appealing boy who is the protagonist – and of the middle-aged man looking back at him.

little, the rabbi manages to crawl all the way into the hopper.

Never mind that the entire mill family has been scraping and wiping for three days and three nights. It makes no difference. As soon as the rabbi in his black satin coat crawls into the hopper, his black satin coat is immediately smeared with flour. He doesn't notice. With his candle in his hand, carefully, he starts inspecting every single little crack, testing with his knife point and his feather duster. And at last he manages to get a kernel of wheat out from a little crack. The kernel falls down and lies there, embarrassed and silent. The rabbi picks it up, and studies it, and smells it. And what he is thinking, nobody knows. Every bystander, without saying a word, blames somebody else: "You're the one who left the kernel in the crack."

And then, sure enough, the rabbi finds a corner that we missed entirely and never cleaned. He sets right to work in earnest. He looks like a big woodpecker. He drills in with the knife, blows, wipes with the feather duster, and down fall little flakes of dried flour.

Not nice. Here we cleaned for three days and three nights, and now the rabbi comes and finds a whole nest of impure flour. Still, we realize that the rabbi wanted something to show for all his trouble. The minute he catches the hidden bit of impurity, he calms right down. He's happy. He stops fussing and only gives a once-over to the rest of the hopper's walls. He signals to the men standing by that he's ready to crawl out of the hopper. They come help him again, with the same reverence – even though now he doesn't look like a rabbi any more. His satin vest is floury. His skullcap is white. His black peyess have been dipped in flour, and his black beard is all floured over.

He goes up into the attic, too, where the heavy millstones lie upside down, with their faces up. The heavy stones lie cold and silent – they don't notice the rabbi's approach. And he himself doesn't know what to do with them. Scrape at the stone with his knife? That doesn't seem right. He smiles and says to the bystanders, "You must have made sure the stones are kosher."

"Kosher, Rabbi. Like every year, Rabbi. Kosher."

The rabbi starts down the stairs. He hands over the candle, knife, and feather duster. His part is over. When he comes into the house, smeared with flour, he smiles and doesn't know what to do. Everyone in the house gathers around him. They dust the impure flour off him, brush him, shake out the skirts of his coat. Now you can see how tall and pale he is. His satin coat has gotten back its satiny importance.

When the rabbi has cleaned his peyess for himself, and his beard, and wiped his face around with his big red handkerchief, and when someone has wiped down the flour off his boots with a rag – then, as if concluding deliberations, he gives a smile and says, "May you have no lack of water this year. And may salvation come to the Jews. Kosher."

Then he takes a little whiskey that was prepared for him in a little jug, and he says once more, "Kosher."

Again they fluff out the straw in the wagon and air it. Mother arranges the sheet neatly back over it. Father helps the rabbi climb into the wagon. The rabbi goes away back into town for a whole year. For us at the mill, he leaves just one single word:

"Kosher."

---

*Nahma Sandrow is the author of* Vagabond Stars: A World History of Yiddish Theater *and* Surrealism: Theater, Arts, Ideas.

# מײַנע קינדער־יאָרן

## פֿון פּרץ הירשבײַן

### מען כּשרט די מיל

ווען ס׳האָט אָנגעהויבן בלאָזן וואַרעמער פֿון דרום־מערבֿ־זײַט; אַ וואַרעם רעגעלע פֿאַרנעמט שוין ס׳אָרט פֿון שניי; ווען דער אײַז האָט אָנגעהויבן צו פּלאַצן אויפֿן סטאַוו, און די הורבע שניי אַנטקעגן פֿענצטער הייבט אָן צו ווערן אײַנגעשרומפּן און שוואַרץ — האָבן אַלע בײַ אונדז דערשפּירט, אַז דער ווינטער אַרום מיל פֿאַלט. אויסגעקומען אַרום די פּורים־טעג, די זון שײַנט העלער דורכן טאָג, וואַרעמט דעם אײַז אויף די וואַסעררעדער. די שטובלײַט שפּירן די אָנקוועלעניש אונטערן אײַז; פֿאַרשטייען דעם סוד פֿון אַיעדן אומבאַקאַנטן קנאַק בײַ נאַכט, וואָס איז געקומען פֿון טײַך. פֿרילינג איז נאָענט.

אין יענע טעג זענען אַראָפּגעקומען ייִדן פֿון נאָענטן שטעטל איבערשמועסן מיט ליפּען דעם מלינער מכּוח כּשרן די מיל אויף פּסח; האָבן אַגבֿ געבראַכט צו באַווײַזן אַלערליי ווייץ־פּראָבעס. די מאַנסלײַט, מיט ערנסטע פּנימער, זיצן אַרום טיש; פֿון לײַוונטענע טאָרבקעלעך, פֿון פֿאַטשיילקעס האָט מען פֿאָרזיכטיק אַרויסגעוויקלט פּסחדיקן ווייץ. דער טאַטע טוט אָן די שפּאַקולן, פֿאַרקנייטשט ערנסט דעם שטערן. טריט בײַ טריט קומען אונטער די קינדער נעענטער צום טיש. און די גאַנץ פּשוטע ווייצקערנער, וואָס זענען געווען געראָטן אין אַלע אַנדערע ווייצן פֿון אַ גאַנץ יאָר, האָבן איצטער אויסגעזען אויסטערליש: ייִדישע ווייצקערנער, פֿאַרטראַכטע אַזעלכע.

די מאַמע דערלאַנגט אַ פֿינגערהוט צום טיש; מען מעסט אָפּ אַ פֿינגערהוט קערנער; די קערנדלעך שיט מען אויס אויפֿן טיש און מען קלײַבט איבער אַיעדעס קערנדל באַזונדער. מען קלײַבט אָפּ אָן אַ זײַט אַזעלכע קערנדלעך, וואָס ווײַזן סימנים פֿון אויסוווּקס — מיט וואָרצעלעך אין שפּיץ. אַזעלכע אויסגעוואַקסענע קערנער האָבן געוואָרפֿן אַ חשד פֿון חמץ: די תּבֿואה איז מסתּמא געווען אונטערן רעגן; דער רעגן האָט דורכגענומען די קערנער, און אַ יערעניש האָט זיי אָנגעכאַפּט. דאָס איז דער סימן פֿון אויסוווּקס.

האָט מען איבערגעציילט אַ פֿינגערהוט קערנדלעך, און אויב צו פֿיל ווייצן זענען אויסגעוואַקסענע — האָט מען דעם דאָזיקן ווייץ חמצדיק געמאַכט. אַזוי האָט מען דורכגעמאָסטן און אויסגעציילט אַלע ווייץ־קערנדלעך. אַגבֿ האָט מען דערבײַ אַרויסגעוויזן מבֿינות, צעביסן אַ קערנדל אויף צווייען און באַטראַכט די ווײַסקייט פֿון מעל אינעווייניק.

אַז מען האָט באַשטימט וואָס פֿאַר אַ ווייץ צו קויפֿן, האָט מען גענומען שמועסן פֿון כּשרן די מיל. מען האָט אָפּגעשמועסט וויפֿל פּוד ווייץ מען וועט באַדאַרפֿן הײַיאָר בײַטלען; מושווה געוואָרן מיטן מקח פֿאַר בײַטלען די ווייץ. נאָך דעם אַלעמען האָט דער עולם מאַנסבילן געטרונקען לחיים. די ייִדן האָבן געוווּנטשן, אַז קיין וואַסער זאָל דעם פֿאַרפּסח נישט פֿעלן, און אונדזער צד ווינטשט, אַז ייִדן זאָלן הײַיאָר קאָנען באַקן מצות בייד־רחבֿה. דערבײַ מאַכן די ייִדן מיטן טאַטן אַ תּקיעת־כּף.

די ייִדן אַוועקגעגאַנגען — האָט דער אײַז נאָך שטאַרקער געקנאַקט און געפּלאַצט; דער שניי פֿאַרן שטוב ווערט נאָך מער אײַנגעשרומפּן. פֿאַרפּסחדיקער גערויש צווישן די ביימער איז אונדז אַלעמען וויל באַקאַנט.

און טאַקע אין קורצן זענען אָנגעקומען צו ליפּעס מיל פּויערשע פֿורן, אָנגעלאָדן מיט זעק תּבֿואה; די זעק זענען ציטעריק איבערגעדעקט, כאָטש דרויסן שײַנט די זון. טראָגט מען אַראָפּ די זעק ווייץ נישט אין מיל אַרײַן — די מיל איז חמצדיק דערווײַל; די זעק טראָגט מען אַרײַן אין שטוב. יעדערער פֿון אונדז איז אַ בעל־כּוח. די קלענערע קינדער העלפֿן אונטערכאַפּן אַ זאַק; האַלטן אונטער די זעק, בעת די גרויסע דזשוויגען זיי אויף די פּלייצעס אין שטוב אַרײַן. די זעק לייגט מען אויס אין שורות אין צווייטן חדר. אויפֿן וועג אין שטוב אַרײַן נעמט אַ זאַק און פּלאַצט אין מיטן וועג; ווייץ רינט אַרויס אויף דער ערד — גלײַך אין בלאָטע אַרײַן:

— חמצדיק געוואָרן!

די גאָלדיקע ווייץ־קערנער ווינקען פֿון דער שוואַרצער בלאָטע אַרויס ווי זיי בעטן „קלײַבט אונדז אויף, לאָזט אונדז נישט חמצדיק ווערן"...

מען באַדאַרף אָנהייבן כּשרן די מיל. פֿאָלג מיך אַ גאַנג! כאָטש כּמעט יעדעס יאָר כּשרט מען די מיל, פֿונדעסטוועגן, אַז מען באַדאַרף צוטרעטן צו דער מלאכה — ווייסט מען נישט פֿון וואָס פֿריִער אָנצוהייבן. אַ קלייניקייט — גיי מאַך ריין אַ מיל; רייניק אויס ווי אַ שטויבעלע מעל, ביז עס וועט קיין סימן פֿון קיין חמץ נישט בלײַבן. וויפֿל מעל שטויבט די מיל, טרייסלט אָן אין פֿאַרלויף פֿון יאָר! די קאַסטנס, ווו די זײַדענע בײַטלען זיפּן די מעל — דאָרטן זענען די ווענט באַהאָנגען מיט מעליקע פּאַרפֿל. ווו אַ שפּעלטעלע, ווו אַ לעכעלע איז פֿאַרן יאָר פֿאַרקראָכן געוואָרן מיט מעל און חמץ. פֿון שוועל ביזן שפּיץ בוידעם — אַלץ איז פֿאַרמעליקט.

באַוואָפֿנט מיט מעסערס, מיט געגנדזענע פֿלעדערווישן, אין צעריסענע קליידער און אַלטע שמאַטעס גייט דער עולם אין מיל אַרײַן. מיט אַ מאָל האָט מען בײַ ליפּע דעם מילנער פֿײַנט באַקומען מעל־שטויב; מיט אַ מאָל געוואָרפֿן אַ חשד אויף יעדן קערנדל, וואָס איז פֿאַרקראָכן אין אַ שפּאַרונע אַרײַן.

דעם ערשטן מיש געטאָן מיטן פֿלעדערוויש, דעם ערשטן סקראָבע געטאָן מיטן מעסער — אַ שטיקעלע ברעט ריין געוואָרן. שמעקעדיק האָלץ שײַנט אַרויס. מע סקראָבעט און סקראָבעט; די מילנער אַליין ווערן אויסגעטונקט אין מעל,

וואָס פּאַסט אַפֿילו פֿאַר קיין מילנער אויך נישט, אָבער די מיל אַליין ווערט אַלץ רייַנער און רייַנער.

דאָס גרויסע געשעעניש ווירקט — נישט נאָר אויף די לעבעדיקע מענטשן, עלטערע און קינדער — אונדזער געלער הונט בורטשיק איז שטאַרק פֿאַרחידושט, ער קאָן נישט פֿאַרשטיין, וואָס סקראָבעט מען און סקראָבעט אין מיל אַזוי פֿיל; ער גייט אַרום און שמעקט און לעקט און ניסט; ער וויל אויך האָבן אַ חלק אין דעם גאַנצן ענין; ער זעט, ווי די מענטשן זענען דאָס מאָל פֿאַרמעליקט מער ווי געוויינטלעך — וויל ער די מענטשן נאָכטאָן. שטשירעט ער די ציין, שמייכלט, און באַאַך אין דעם באַרג אָנגעסקראָבעטן חמץ.

איז די שוואַרצע קאַץ מקנא בורטשיקן. כאָטש פֿאָרזיכטיקער פֿון הונט, פֿונדעסטוועגן קומט זי אויך אַראָפּ אין מיל, קוקט אַרויף צו די מענטשן, שמעקט אַרום אַלע ווינקעלעך, וואָס מען סקראָבעט און רייניקט, שמעקט, און הייבט אָן צו ניסן; זי פֿאַרשטייט נישט, וואָס איז געוואָרן מיט די מילנער אין מיל.

קומט אַראָפּ אַריה דער שנײַדער, וואָס נייט אַ גאַנץ יאָר פּויערשע סערמיגעס. אַיעדן פֿרילינג, פֿאַר פּסח, אויב מען כּשרט נאָר די מיל, קומט ער צו אונדז טאָן אַן איידעלע אַרבעט. ער דאַרף אויפֿנייען די זײַדענע בײַטלען, וואָס וועלן זיפּן דאָס פּסחדיקע מעל. מען קויפֿט אַזאַ דורכזיכטיקן, ווײַסן, שיטערן זײַד. אַז מען לייגט אין צווייען צונויף דעם זײַד און מען האַלט אַנטקעגן ליכט — הייבן אין אים אָן קרײַזלען ריפּסענע רינגען. די געוויינטלעכע אַרבעט צו שמידן די שטיינער, איבערקערן דעם אייבערשטן שטיין מיטן פּנים אַרויף — דאָס טוט מען איצטער מיט אַ באַזונדערער כּוונה. מיט שפּיציקע, שטאָלענע האַמערס און מיט פֿלאַכע האַמערס האַקט מען אויס רינעלעך אין שטיין; פּיקט מען אויס לעכעלעך אין שטיין. מאַכט׳ן די שטיינער שאַרף, זיי זאָלן מאָלן די פּסחדיקע ווייץ מיט מער חשק.

אַ דרײַ טעג און דרײַ נעכט איז די גאַנצע מילנער־משפּחה אויסגעטונקט אין חמץ, ווײַל מען מאַכט פּסחדיק די מיל — ביז מען הייבט אָן אַרויסצוזען אַ סוף צו דער אַרבעט. דעמאָלט הייבט מען אָן רייניקן די שטוב, צוקלײַבן אין שטוב, ווײַל דער יונגער רבֿ פֿון שטעטל באַדאַרף קומען און זאָגן זײַן וואָרט: כּשר. דער טאַטע מאַכט צו רעכט דעם וואָגן; פֿאַרריכט די דראַבינעס; לייגט אָן אין וואָגן פֿרישע שטרוי, און מאַכט אַ ווייך אָרט צום זיצן. די מאַמע פֿאַרשפּרייט דעם שטרויענעם זיצאָרט מיט אַ רייַנעם לײַלעך. אײַנגעשפּאַנט דאָס ווײַסע פֿערדל — פֿאָרט דער טאַטע, אַן ערנסטער און אַ פֿאַרטראַכטער, ברענגען דעם רבֿ. אין שטוב פֿילט מען די יום־טובֿדיקייט. מען האָט אין שטוב אויסגעשאָטן מיט געלן זאַמד; אַפֿילו דעם טיש איבערגערוקט פֿון זײַן אָרט. מען גלעט אויס די פֿאָרהענגלעך אויף די פֿענצטער. אַלעמענס אויגן זענען אַלע ווײַלע געווענדט צום פֿענצטער. אַלע ווײַלע גייט מען נאָך אַרויס אין מיל כאַפּן אַ קוק, באַטראַכטן דאָ און דאָרטן — נאָך אַ ווישׁ געטאָן, נאָך אַ סקראָבע געטאָן, און געבלאָזן די שטויבעלעך, וואָס האָבן ווידער צוגעדעקט די ווענט פֿון מיל.

און אָט איז שוין די פֿור מיטן רבֿ, אַלע אויף די פֿיס. די אויגן אָנגעשפּיצט בײַם פֿענצטער; די קאַץ, דער הונט — קוקן אין פֿענצטער.

די פֿור איז שוין בײַ דער שטוב. דער טאַטע שפּרינגט אַראָפּ פֿון וואָגן און העלפֿט אַראָפּקריכן דעם רבֿ, וואָס איז נאָך דערווײַל אַ דיין, ווײַל דער אַלטער, בלינדער רבֿ לעבט נאָך; אים, דעם בלינדן רבֿ, קאָן מען דאָך נישט ברענגען, ער זאָל באַטראַכטן, צי די מיל איז כּשר. דער יונגער רבֿ איז אַ הויכער, אַן אויסגעצויגענער מיט אַ שוואַרץ, שיטער בערדל און שווערע, לאַנגע פּיאות; האָט שוואַרצע אויגן און אַ בלאַסן פּנים. דער רבֿ שטייט אַ ווײַלע בײַם וואָגן, באַטראַכט די מילנערשע וועלט אַרום; מיט פֿאָרזיכטיקע טריט שפּרײַזט ער אַריבער די שטענדיקע בלאָטקעלע פֿאַר דער שוועל און קומט אַרײַן אין שטוב. אַלע שטייען אויף די פֿיס; אַלע קוקן צו אים מיט יִראת־הכּבֿוד. ער טוט אויס דעם לאַנגן, שוואַרצן אייבער־בגד און בלײַבט אין זײַן גלאַנציק־שוואַרצן, אַטלעסענעם סורדוט.

טראַכט מען: „ווי אַזוי וועט עס דער רבֿ מיט אַזאַ אַטלעסענעם שוואַרצן בגד קריכן אין מיל אַרײַן, אַרײַנקריכן אין מעלקאַסטן אַרײַן?”

ער, אַפּנים, ווייסט, אַז ער גייט כּשרן אַ מיל. אפֿשר ווייסט

How much flour dust does a mill shake out in the course of a year?
In the hoppers where the silken bags sift flour, the walls are hung with a curtain of flour flakes. Wherever there is a little hole, a little crack, flour crept in there in the course of the year, and now it's impure. From the threshold of the mill to the tip of the attic – everything is floury.

ער, אַז אַ מיל קאָן מען בשום אופֿן נישט אָפּשטויבן אין גאַנצן פֿון מעל. ס׳וואַרט פֿאַר אים צוגעגרייט אַ ריינער, אָפּגעשייַערטער מעסער מיט אַ שאַרפֿן שפּיץ; מען דערלאַנגט אים אַ נייַעם, נאָך נישט קיין גענוצטן פֿלעדערוויש — אַ גאַנצן גענדזענעם פֿליגל. מען צינדט אָן פֿון זייַנעטוועגן אַ ליכט, און ער הייבט אָן מיט בנעימותדיקע טריט גיין אין מיל אַרייַן.

תּחילת קלייַבט ער אויס אַרייַנצוקריכן אין גרויסן קאַסטן אַרייַן, ווו דער גרויסער בייַטל וועט זיפּן די מעל. אַ הויכער קאַסטן אויף פֿיר שטאַרקע פֿיס — אַ שטוב אַ גאַנצע... ער וועט דאַרפֿן אַרויפֿקלעטערן. אַלע מאַנסבילן העלפֿן דעם רבֿ; מען הייבט אים אונטער, פֿריִער איין פֿוס, דערנאָך דערלאַנגט מען אים אַריבער די אַנדערע פֿוס, און צו ביסלעך פֿאַרקריכט דער רבֿ אינעווייניק אין קאַסטן אַרייַן. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דרייַ טעג און דרייַ נעכט האָט די גאַנצע מילנער־משפּחה געסקראָבעט און געווישט, פֿונדעסטוועגן, אַז דער רבֿ קריכט אַרייַן אין קאַסטן, ווערט זייַן שוואַרץ־אַטלעסענע קאַפּאָטע תּיכּף אויסגעשמירט אין מעל. ער שפּירט עס נישט. מיט דער ליכט אין האַנט, פֿאָרזיכטיק, הייבט ער אָן בודק זייַן אין אַיעדן שפּעלטעלע, פּרווט מיטן שפּיץ מעסער, מיטן פֿלעדערוויש, און עס געלינגט אים אַרויסצובאַקומען אַ קערנדל פֿון אַ שפּעלטעלע. דאָס קערנדל פֿאַלט אַראָפּ און בלייַבט ליגן פֿאַרשעמט און שטיל. דער רבֿ הייבט עס אויף און באַטראַכט עס, שמעקט עס, און וואָס ער טראַכט דערבייַ — ווייסן די אַרומיקע נישט. די אַרומיקע, אָן ווערטער, באַשולדיקט איינער דעם אַנדערן: „דו האָסט עס איבערגעלאָזט אַ קערנדל אין שפּעלטל״... און באַלד טאַקע האָט דער רבֿ אויפֿגעדעקט אַ ווינקעלע, ווו מען האָט גאָר אין גאַנצן דורכגעלאָזן און נישט גערייניקט. ער הייבט אָן ערנסט די אַרבעט; ווי אַ גרויסער האָלצפּיקער זעט ער אויס. ער בויערט מיטן מעסער, בלאָזט, ווישט מיטן פֿלעדערוויש, און ס׳פֿאַלן פֿאַרטריקנטע מעלפֿאַרפֿעלעך...

ס׳ווערט נישט שיין. דרייַ טעג, דרייַ נעכט גערייניקט, און איצטער קומט דער רבֿ און געפֿינט גאָר אַ גאַנצע נעסט מיט חמץ.

מען דערקענט אָבער, אַז דער רבֿ האָט געזוכט אַ געוויסע באַפֿרידיקונג פֿאַר זייַן טירחה. ווי נאָר ער האָט געפּאַקט דעם פֿאַרבאָרגענעם חמץ — איז ער רויִק געוואָרן. צופֿרידן, מאַכט ער שוין מער נישט קיין גרויסן וועזן און אויבנאויפֿיק באַטראַכט ער ווייַטער די ווענט פֿון קאַסטן. ער מאַכט אַ צייכן צו די מענער, וואָס שטייען דערבייַ, אַז ער וויל אַרויסקריכן פֿון קאַסטן. קומט מען אים ווידער צו הילף מיט דעם אייגענעם יִראת־הכּבֿוד — כאָטש ער איז איצט שוין נישט ענלעך אויף קיין רבֿ: זייַן אַטלעסענע זשופּיצע איז פֿאַרמעליקט, די יאַרמלקע איז ווייַס; זייַנע שוואַרצע פּיאות זענען אויסגעטונקט אין מעל, און פֿאַרמעליקט איז זייַן שוואַרץ בערדל.

ער גייט נאָך אַרויף אויפֿן בוידעם, ווו די שווערע מילשטיינער ליגן איבערגעקערט מיטן פּנים אַרויף. די שווערע שטיינער ליגן קאַלט און שווייַגעוודיק — זיי שפּירן נישט דעם רבֿס דערנעענטערונג. ער אַליין ווייסט נישט, וואָס צו טאָן מיט זיי. אַ סקראָבע טאָן מיטן מעסער דעם שטיין? ס׳האָט קיין פּנים נישט. טוט ער אַ שמייכל און זאָגט צו די אַרומיקע:

— מסתּמא האָט איר דאָך געזען, די שטיינער זאָלן זייַן כּשר?

— כּשר, רבי... ווי אַלע יאָר, רבי, כּשר...

נעמט דער רבֿ אַראָפּגיין פֿון די טרעפּ; גיט איבער די ליכט, מעסער און פֿלעדערוויש — ער האָט זייַנס אָפּגעטאָן. אַז ער קומט אַרייַן אין שטוב אַן אויסגעשמירטער אין מעל — שמייכלט ער און ווייסט נישט וואָס צו טאָן. אַלע אין שטוב רינגלען אים אַרום, מען פּוליעט פֿון אים דעם חמץ, מען באַרשט אים, מען טרייסלט די לאַנגע פּאָלעס פֿון זייַן סורדוט; איצטער זעט מען וואָס פֿאַר אַ הויכער און בלאַסער ער איז. זייַן אַטלעסענער סורדוט האָט צוריק באַקומען זייַן אַטלעסענע חשיבֿות.

אַז דער רבֿ אַליין האָט ריין געמאַכט די פּיאות, דאָס בערדל, מיט דער רויטער פֿאַטשיילע אַרומגעווישט דאָס פּנים, און נאָך דעם, ווי מען האָט מיט אַ שמאַטע אַראָפּגעווישט דאָס מעל פֿון שייַנע שטיוול, האָט ער, ווי נאָך אַ יִשובֿ־הדעת, אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— זאָל אייַך קיין וואַסער נישט פֿעלן הייַאָר, און זאָלן קומען ישועות אויף ייִדן. כּשר...

ער האָט דערנאָך גענומען אַ ביסל משקה, וואָס מען האָט פֿון זייַנעטוועגן צוגעגרייט אין אַ גראַפֿינקעלע; האָט איידל אַ זופּ געטאָן און נאָך אַ מאָל געזאָגט: כּשר.

האָט מען ווידער אויפֿגעטרייסלט און דורכגעלופֿטערט די שטרוי אין וואָגן; די מאַמע האָט געבראַכט אין אָרדענונג דעם פֿאַרשפּרייטן לייַלעך איבער די שטרוי; דער טאַטע האָט געהאָלפֿן דעם רבֿ אַרויפֿקריכן אויפֿן וואָגן; דער רבֿ איז אַוועקגעפֿאָרן אין שטאָט אַרייַן אויף אַ גאַנץ יאָר און איבערגעלאָזט בייַ אונדז אין מיל בלויז איין וואָרט:

— כּשר...